אַז די סעודת לויתן ושור הבר דלעתיד לבוא — וועט זיין אַ סעודה גשמיית.

וי"ל אַז לרמז ע"ז איז די טעימה כלשהי. — (עס איז אָבער אַ חידוש גדול. וצ"ע וחיפוש אַ יסוד ע"ז[34]).

ח. ובעומק יותר יש לומר:

דאָס וואָס דער שלימות השכר לעתיד לבוא איז דוקא ביי נשמות בגופים, איז ווייל דעמולט וועט נתגלה ווערן די מעלת הגוף על הנשמה, ביז אַז הנשמה תהא ניזונית מן הגוף[35] — די נשמה דאַרף אָנקומען צום גוף כדי ס'זאָל זיך אין איר דערהערן די דרגא פון עצמותו ומהותו ית' וואָס מציאותו מעצמותו.

ועפ"ז יש לומר בנוגע סעודה שלישית: אין דעם וואָס עס מוז זיין עכ"פ די טעימה כלשהי — דריקט זיך אויס אַן עילוי — מען איז מדגיש מעלת הגוף, ובמילא זאָגט זיך אַרויס נאָכמער דער שבת דלעתיד לבוא.

ט. און דאָס איז די כוונה (פנימית) אין דברי ר' יוסי:

„יהא חלקי מאוכלי ג' סעודות בשבת" — ער זאָל קענען עסן (אַן אכילה כלשהי[36]) בסעודה שלישית — דאָס זאָל ביי אים זיין אַן עונג, אין דעם וועט זיך דערהערן די מעלה וואָס וועט נתגלה ווערן ערשט לעתיד לבוא — מעלת הגוף.

און דאָס איז די ראי' וואָס דער רבי נ"ע ברענגט פון מאמר ר' יוסי: ווי־באַלד אַז ר' יוסי האָט געזאָגט „יהא חלקי כו'", אע"פ וואָס עס שטייט „היום לא", האָט ער דערמיט געגעבן אַ נתינת כח צו עסן אַן אכילה כלשהי ביי סעודה שלישית באופן אַז דאָס איז אַ מעלה (מען ווינשט זיך „יהא חלקי") — ניט בלויז איז עס ניט אַ גרעון אין דעם „היום לא", נאָר אדרבה — עס איז גודל המעלה פון דעם שבת דלעתיד — הנשמה ניזונית מן הגוף.

(משיחות ש"פ בלק תשט"ז, אחש"פ תשל"ט)

34) בב"ח שהובא לעיל הערה 10 — שסעודה שלישית היא כנגד שבת דלעתיד דיעשה סעודה לצדיקים מלויתן ובת זוגו, אבל בסעודה זו הרי יש ברהמ"ז (פסחים קיט, ב), היינו סעודה בפת. — ולהעיר מראב"ד לרמב"ם הל' תשובה פ"ח ה"ד.

35) המשך וככה תרל"ז פצ"א־ב. וראה ד"ה לכל תכלה תרנ"ט. וראה גם תורת שלום ע' 120 ואילך.

36) שע"ז הובא במאמר אדנ"ע, כנ"ל.



# בשלח ג

א. בסוף פרשתנו, ביי מלחמת עמלק, שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „וידי משה כבדים"[1], און איז מפרש: „בשביל שנתעצל במצוה[2] ומנה אחר תחתיו נתייקרו ידיו"[3].

דער פירוש בזה בפשטות איז: רש"י איז אויסן צו מסביר זיין, אַז הגם פון דעם לשון „וידי משה כבדים" — לשון הווה — איז משמע, אַז דאָס איז געווען ביי אים דאַמאָלס אַ מצב תמידי (מצד זיין זקנה[4]), איז רש"י מפרש אַז דאָס איז ניט אַזוי, נאָר ס'איז דעמולט געשען צוליב אַ סיבה: „בשביל שנתעצל במצוה כו'[5] נתייקרו ידיו"[6].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין:

אין פ' שמות[7], אויפן פסוק „ויהי בדרך במלון וגו' ויבקש המיתו", איז רש"י מפרש „(ויבקש המיתו) למשה, לפי שלא מל את אליעזר בנו, ועל שנתרשל נענש עונש מיתה, תניא א"ר יוסי, ח"ו לא נתרשל אלא אמר כו' הקב"ה צוני כו'". וויבאַלד רש"י זאָגט ניט אויפן צווייטן פירוש אַז דאָס איז אַ דרש וכיו"ב (ניט ממש פשוטו של מקרא)[8], איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך ע"פ פשוטו של מקרא מאַנט זיך נאָך אַ פירוש צו באַוואָרענען אַז „ח"ו לא נתרשל" — היינט פאַרוואָס זאָגט רש"י דאָ בפשיטות, אַז „נתעצל במצוה" און איז דערפאַר נענש גע־וואָרן, און ברענגט אפילו ניט אַ צווייטן פירוש, וואָס זאָל שולל זיין דעם ענין פון עצלות ביי משה'ן?

נאָך מער: אויך לויטן ערשטן פירוש אין רש"י (דאָרט) איז ניט מובן: ווי־באַלד אַז משה איז שוין נענש געוואָרן אויף אַן ענין פון התרשלות במצוה — איז דאָך מובן ופשוט, אַז פון דאַן אָן איז משה געווען זהיר אַז ביי אים זאָל ניט זיין ח"ו קיין ענין פון התרשלות במצוה. היינט ווי אַזוי איז דאָ (רש"י מפרש אַז עס איז) געווען באַ משה'ן אַן ענין פון „נתעצל במצוה"[9]?

1) יז, יב.

2) בדפוס שני ובא' מכת"י רש"י שתח"י „מן המצוה".

3) בכמה כת"י רש"י שתח"י ליתא „נתייקרו ידיו" בסוף פרש"י.

4) כמ"ש ברלב"ג סוף פרשתנו „יתכן שהי' גדול הגוף והי' עם זה זקן". ועד"ז באברבנאל כאן. — אבל ראה ברכה לד, ז. פרש"י שם לד, א. ועוד.

5) אבל אינו מפרש בפשש"מ כמ"ש הראב"ע כאן (ועד"ז בחזקוני וטור הארוך ועוד) „כי אין כח באדם להרים ידיו יום שלם ואפילו שעות מועטות", כי אז הול"ל „ויכבדו ידי משה", להורות שנעשו כבדות מהרמת ידיו הנזכרת בפסוק שלפנ"ז.

ומטעם זה גופא מובן למה לא נאמר לפי פרש"י „שנתעצל משה . . נתייקרו ידיו" — „וכבדו ידיו", דאז היינו מפרשים כהראב"ע. וראה משכיל לדוד כאן. וראה הערה 16.

6) ולהעיר מפרש"י וארא ט, ח ד"ה וזרקו משה „וכל דבר הנזרק בכח" (וראה מפרשי רש"י שם). וראה פרשתנו יז, ו „והכית בצור גו'" ובפרש"י „מכאן שהמטה הי' של מין־דבר חזק ושמו סנפרינון והצור נבקע לפניו", ומשמע שהוא מחמת ההכאה בחוזק (נוסף לזה שהמטה עצמו הוא כבד).

7) ד, כד.

8) ומה שהביא שם בעל המאמר אינו לומר שפירוש זה אינו ע"פ פשש"מ, אלא הוא רק לתוס' הסברה (לתרץ קושיא וכיו"ב) בשביל תלמיד ממולח — כמדובר כמ"פ.

9) ואי"ז דומה למה שמצינו במשה שנענש על זה שלא הגיד להם תיכף יהי' ביום הששי והכינו גו' (פרש"י פרשתנו טז, כב), כי שם י"ל דלא הי' מוכרח למסור להם לפני יום הששי, ועכ"פ לא איחר להגיד להם ציווי ה' עד לאחר זמנו. ולהעיר מלשון רש"י

ב. אין מדרשי חז"ל זיינען דאָ אייך אַנדערע טעמים פאַרוואָס „כבדו ידיו":

א) אין תרגום יונתן[10] שטייט אַז דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעלייגט די מלחמה אויף „מחר" „ולא אזדרז ביומא ההוא"[11].

ב) נאָך אַ טעם שטייט[12]: „יקרו ידיו של משה משום עונותיהם של ישראל שאמרו[13] היש ה' גו'".

דאָס וואָס רש"י ברענגט ניט דעם ערשטן טעם (עכ"פ אַלס פירוש שני), איז מובן, ווייל (אע"פ אַז בתוכנו איז עס ווי דער טעם וואָס רש"י זאָגט בפירושו — אַן ענין פון היפך הזריזות בא משה'ן; אָבער) דער טעם איז ניט מסתבר אין פשוטו של מקרא — אַז מצד עצלות האָט זיך די זאַך ניט געטאָן ביז מחר!

ס'איז אָבער ניט מובן, פאַרוואָס לערנט דאָ רש"י ניט דעם טעם „מפני עונותיהם של ישראל", וואָס לויט דעם איז ניט „נתעצל משה"[14]?

ובפרט אַז בנדו"ד איז „עונותיהם של ישראל" ניט קיין חידוש — דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן פריער אין פירוש רש"י[15], אַז די גאַנצע סיבה פון מלחמת עמלק איז דאָס וואָס די אידן האָבן גע־זאָגט „היש ה' בקרבנו";

איז דאָך מער מתאים צו לערנען (עכ"פ אַלס צווייטער פירוש) אַז „וידי משה כבדים" איז צוליב „עונותיהם של ישראל", וואָס וועגן דעם האָט שוין די תורה דערציילט, איידער צו מוסיף זיין אַז דאָס איז צוליב אַן ענין פון „נתעצל בא משה[16].

פרשתנו שם „ולכן ענשו הכתוב", ולא „ענשו המקום", וכיו"ב.

10) עה"פ כאן.

11) ועד"ז הוא במכילתא (הובא ביל"ש) כאן: „מכאן שלא ישהה אדם במצות". אבל ממשיך: „אלולי שאמר משה ליהושע בחר לנו אנשים לא הי' מצטער כך", וכבר שקו"ט בכ"מ בכוונת המכילתא, דלאו סיפא רישא. במרכבת המשנה תי"ץ „ואפשר שבחירת האנשים הי' גרם לעיכוב" (וכ"ה בפי' זה ינחמנו למכילתא). ועד"ז מפורש במכילתא דרשב"י כאן. בזית רענן (לי"ש) מפרש „אלולי שאמר משה כו' פי' אלא בעצמו בחר אנשים". וכן מפרש בדברי דוד (להט"ז) בפרש"י כאן.

12) פסיקתא רבתי פי"ב. במכילתא כאן עה"פ ויקחו אבן וישימו תחתיו — „ר' אליעזר המודעי אומר יקר (כבד — זי"ר שם) חטא על ידיו של משה באותה שעה ולא הי' יכול לעמוד בו". אמנם אינו מפורש שהוא מצד החטא שאמרו „היש ה' בקרבנו". וראה זח"ב רעח, א.

13) פרשתנו יז, ז.

14) ולהעיר מפרש"י קרח טז, ד.

15) יז, ח.

16) לכאורה י"ל, דכאן הי' לאחר שעשו תשובה, ולא הי' מצב דעוונותיהם של ישראל, כי מ"ש „וידי משה כבדים" בא בהמשך להכתוב שלפנ"ז „והי' כאשר ירים משה ידו גו'", ופרש"י „וכי ידיו של משה נוצחות היו המלחמה וכו' כדאיתא בר"ה*", ושם מפורש (כט, א במשנה) „כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים כו'", ואי"כ הרי לא הי' מצב של עוונות ישראל (מצד אמירת „היש הוי' בקרבנו").

אבל (נוסף לזה שממשיך בר"ה שם „ואם לאו כו'", היינו שלא היו משעבדים את לבם כל הזמן, הרי) פשטות המשך הכתובים לא משמע כן, כ"א דתחלת

*) ענין זה מובא גם במכילתא (ויל"ש) עה"פ „אלא כל זמן שמגביי ידיו כלפי מעלה היו ישראל מסתכלין בו ומאמינין במי שפקד משה לעשות כן והקב"ה עשה להם נסים וגבורות". ולכאורה י"ל הטעם שדייק רש"י לציין „כדאי' בר"ה", כי במכילתא ליתא „אם לאו כו'" כבמשנה ר"ה (כדלקמן בפנים ההערה), וזה נוגע בשביל פירוש „וכאשר יניח ידו וגבר עמלק" (אבל דוחק הוא, כי מובן הוא מהתחלת לשון המכילתא).

או י"ל, דלפרש"י בפשש"מ (א) אינו נוגע מה שמסתכלין בו (במשה), (ב) אינו מספיק זה שמאמינים במי שפקד משה כו', היינו אמונה בה' בכלל, היפך אמירתם „היש ה' בקרבנו", כ"א שצ"ל גם „ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים" (וראה עד"ז בלקו"ש חי"ג ע' 74 הערה 16 בפרש"י שם שהביא משנה דר"ה „וכי נחש ממית כו'"). וראה לקמן הערה 43, 46.



ג. די שוועריקייט אין פירוש רש"י (אַז נתעצל (משה) במצוה ומנה אחר תחתיו) ווערט נאָך גרעסער[17]:

אין פ' פינחס[18], אויף דעם וואָס משה האָט געבעטן ביים אויבערשטן „יפקוד ה' . . איש על העדה אשר יצא לפניהם גו'", איז רש"י מפרש[19]: „לא כדרך מלכי האומות שיושבים בבתיהם ומשלחין את חיילותיהם למלחמה אלא כמו שעשיתי אני שנלחמתי בסיחון ועוג".

דאָס הייסט, אַז ביי משה'ן איז געווען קלאָר, אַז אַ „איש על העדה" דאַרף אַליין אַרויסגיין למלחמה; און נאָכמער, משה ברענגט אַלס ביישפיל אין דעם זיין אייגענע הנהגה בפועל — „כמו שעשיתי אני שנלחמתי בסיחון ועוג" (כאָטש דאָס איז געווען בסוף ימיו) — איז דאָך תמוה ביותר: ווי קומט עס וואָס זייענדיק דער „איש על העדה" און מיט אַרום פערציג יאָר אייגער ביי מלחמת עמלק איז „נתעצל" משה?!

איז פון דעם גופא מוכח, אַז דער ענין פון „נתעצל" ביי מלחמת עמלק איז ניט קיין סתירה דערצו וואָס אַן „איש על העדה" דאַרף אַליין גיין במלחמות, און צו דעם וואָס משה אַליין האָט זיך אַזוי געפירט ביי מלחמת סיחון ועוג.

ד. יועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הדיוק אין לשון פון פירוש רש"י דאָ,

וואו ער איז משנה פונעם לשון וואָס ער זאָגט בפירושו בפ' שמות הנ"ל: א) דאָרט זאָגט רש"י „שנתרשל", און דאָ — „שנתעצל". ב) בפירושו בפ' שמות שטייט „שנתרשל" סתם, ובפירושו דאָ — „שנתעצל במצוה".

דער חילוק צווישן רשלנות און עצלות איז[20]: רשלנות מיינט אַלגעמיי־נע אָפּגעלאָזנקייט, וואָס איז גורם אַז מ'לייגט אָפּ צו טאָן עפּעס וואָס[21]: עצ־לנות איז אַ פוילקייט בנוגע[22] אַ פּרטיות'דיקער פעולה (טאָן, גיין, אויפ־שטיין פון שלאָף וכיו"ב)[23], ובמילא פעלט די זריזות הדרושה.

בנדו"ד אָבער איז עס ביי משה'ן ניט געווען קיין עצלות סתם ח"ו, נאָר „שנת־עצל במצוה" — לגבי דער מצוה וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, הייסט דאָס אַן ענין פון עצלות, כדלקמן.

ה. דער ביאור בזה:

די סיבה וואָס משה איז ניט גע־גאַנגען אין דער מלחמה איז, ע"פ פש"מ, ניט געווען אַן ענין פון רשלנות אָדער (אפילו) עצלות ח"ו[24], נאָר־ווייל ער האָט

הכתוב „וידי משה כבדים" אינו בהמשך ולאחר הסיפור „והי' כאשר ירים משה גו' וכאשר יניח גו'", כ"א לפנ"ז (ד„וידי משה כבדים", ולכן הי' שינוי במצב ידי משה „ירים גו' יניח גו'", עד שאהרן וחור תמכו בידיו „ויהי ידיו אמונה עד בוא השמש"), אלא שבתחלה מספר הכתוב את מצב המלחמה בפסוק יא, ואח"כ בפסוק יב את מצב ידי משה. ראה טור הארוך פסוק יא. ועוד.

17) עכ"פ כשילמוד פ' פינחס.

18) כז, טז־יז.

19) שם, יז.

20) כי אפילו את"ל דבכלל תוכנם שוה או עכ"פ דומה זה לזה (ראה ספר השרשים לרד"ק ערך עצל. ערוך השלם ערך הנ"ל. ספר התשבי ערך רשל. ועוד) הרי מזה שרש"י כאן משנה מלשונו במקום הקודם, ולא כתב „שנתרשל", משמע דכוונה אחרת בדבריו, כבפנים.

21) במדה"ג כאן (הובא תוכן המכילתא בלשון) „מיכאן שאין מתרשלין (מרשלין) לדבר מצוה שאלו אמר לו משה ליהושע בחר לי אנשים מיד כו'".

22) ועד"ז יש לפרש לשון „נתרשלו ידיו . . נתרשלו ידי האוהב" בפרש"י קרח שם.

23) עד מתי עצל תשכב (משלי ו, ט). טמן עצל ידו (שם יט, כד. כא, טו). אמר עצל ארי בחוץ (שם כב, יג) ועוד.

24) בגו"א לפרש"י כאן (ובכ"מ) מפרש שמינה משה את יהושע (ע"פ מרז"ל (פסיקתא דר"כ פ"ג. וראה פסי"ר פי"ב. ועוד)) משום שהוא מזרע יוסף

געהאַלטן אַז ער איז ניט מתאים (— בן שמונים שנה[25]) צו זיין אַ יוצא צבא.

און נאָכמער: גייען בראש פון די אנשי צבא און אָנפירן במלחמה איז מתאים פאַר די וואָס זיינען אין דעם גיל פון יוצאי צבא[26], וואָס ע״פ תורה איז דאָס פון בן עשרים ביז בן ששים[27].

און אע״פ אַז מ׳געפינט אַז משה רבינו האָט אין יענעם זמן דורכגעפירט די אַלע אותות ומופתים, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט כח וגבורה כו׳[28]; נאָכמער: אין דער מלחמה מיט סיחון ועוג איז משה רבינו אַליין געגאַנגען בראש פון די אנשי הצבא, אַרויסווייזנדיק (ווי אָנגעדייטעט אין פירש״י[29]) אויסערגעוויינלעכע גבורה — און דאָס, זייענדיק שוין אין אַ גיל קרוב צו מאה ועשרים שנה[30] — איז אָבער דאָ געווען אינגאַנצן אַן אַנדער מצב:

די הנהגה פון דעם אויבערשטן מיט אידן ביז צו דער מלחמה מיט עמלק איז געווען ניט ע״פ טבע, נאָר באופן נסי — אָנהויבנדיק פון די אותות ומופתים במצרים, יציאת מצרים און קריעת ים סוף שלאח״ז, און דערנאָך די ירידת המן והשלו, וואָס זיינען געקומען באופן נסי מן השמים און האָבן געשפייזט אַלע אידן.

קומענדיק אָבער אין רפידים, וואו אידן האָבן געזאָגט „היש ה׳ בקרבנו אם אין", איז דעם אויבערשטנס הנהגה מיט אידן ניט געווען אינעם אופן פון נסים גלוים, נאָר, ווי רש״י זאָגט בתחלת פרשת עמלק, אַז „סמך פרשה זו למקרא זה לומר תמיד אני ביניכם ומזומן לכל צרכיכם ואתם אומרים היש ה׳ בקרבנו בר׳ חייכם שהכלב בא כו׳", און ווי דער לשון אין משל וואָס רש״י פירט אויס „השליכו מעליו כו׳".

ד. ה. די סיבה פון מלחמת עמלק איז געווען דער הסתר פנים פון דעם אויבערשטן.

און וויבאַלד אַז אידן זיינען דעמולט געווען אין אַ מצב (ניט ווי פריער נאָר —*) פון הסתר פנים און היפך הנהגה נסית, דעריבער האָט זיך געפאָדערט, אַז בהתאם לזה דאַרף אויך די מלחמה געפירט ווערן אין אַ סדר פון אַ מלחמה טבעית[31] — אַז באַ די יוצאי צבא

כתיב והי׳ בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש ועמלק מזרע עשו, לכך מינה את יהושע, ואפ״ה כיון דלא הי׳ הוא יוצא למלחמה הוא בעצמו ולא הי׳ לו להניח את אחר והי׳ עצל נתייקרו כו׳.

אבל מובן, שטעם זה אי אפשר להבינו מעצמו, והי׳ לו לרש״י לפרשו או לרמזו.

25) וארא ז, ז.

26) ויהושע הי׳ בעת המלחמה בן מ״ב שנה או בן נו או נז (ראה סה״ד ב׳ אלפים תמ״ח ד״ה יהושע הי׳. ילקוט ראובני פרשתנו יז, ט).

27) ראה רש״י שה״ש ג, ז. גו״א לפרש״י תשא ל, טז. וראה ב״ב קכא, ב. ברשב״ם שם ד״ה שפקודיו. חזקוני ל, יד.

ואף שעדיין לא למדנו כ״ז — ה״ז סברא פשוטה שיהושע (משרתו, תלמידו — דור צעיר ממנו) מתאים יותר.

28) וראה לעיל הערה 6.

29) בס״פ חוקת („כדאיתא בברכות בהרואה (נד, ב) עקר טורא וכו׳").

30) ולהעיר שבפרש״י, פשש״מ, לא נאמר שמשה הי׳ גיבור (כבש״ס נדרים לח, א). ומה שהקים משה את הקרשים „שאין כח באדם לזקפן" (פרש״י פקודי לט, לג), הרי ממשיך רש״י „א״ל עסוק אתה בידיך (ראה כמקימו והוא נזקף וקם מאליו". — וצע״ק מנשיאת הלוחות ושבירתן. וראה לעיל הערה 4.

31) ולכן ציוה שהמלחמה תהי׳ למחר (ראה פרש״י יז, ט: צא הלחם גו׳ בעת המלחמה אנכי נצב. וראה מפרשי רש״י שם), כי כאשר סדר המלחמה הוא ע״פ הטבע צ״ל הכנה להמלחמה, בחירת אנשים וסידור אנשי החיל ואופן המלחמה כו׳.

*) אבל בנח״י לפרש״י מפרש שהמלחמה היתה ב׳ ימים.



זאָל זיין בחור[32], ובפרט די עומדים בראש הצבא, כולל אויך זיין אין דעם גיל הגבורה, מבן עשרים עד בן ששים.

משא״כ באַ מלחמת סיחון ועוג, וואָס די מלחמה איז געווען למעלה מן הטבע, ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט מפורש צו משה׳ן[33] „אל תירא אותו כי בידך נתתי אותו ואת כל עמו ואת ארצו ועשית לו כאשר עשית לסיחון מלך האמורי גו׳" —

אין אַ מלחמה פון „נתתי" זיינען ניט נוגע דרכי והנהגת הטבע[34].

ו. זאת ועוד: דאָס וואָס משה האָט זיך ניט משתתף געווען אין דער מלחמה (בעמלק) איז ניט בלויז געווען אַן ענין פון העדר און שלילה — וויבאַלד דאָס איז געווען אַ מלחמה געפירט לויט גדרי הטבע, דאַרף זי געפירט ווערן דורך יהושע, און ער, משה, דאַרף ניט גיין במלחמה — נאָר אין דעם איז אויך געווען אַן ענין חיובי.

אין אַ מלחמה וואָס פירט זיך בדרך הטבע פאָדערן זיך צוויי ענינים: א) די השתדלות ופעולה טבעית אינעם פירן די מלחמה, וואָס דאָס איז דורך די וואָס זיינען שייך דערצו — גבורים; ב) די נתינת כח וסיוע פון דעם אויבערשטן אין דער מלחמה.

וואָרום ס׳איז מובן, אויך בפשוטו של מקרא, אַז אפילו אין דער הנהגה ווי זי איז ע״פ טבע, מוז מען האָבן אַן עזר וסיוע פון דעם אויבערשטן.

[עפ״ז איז מובן וואָס רש״י טייטשט אויך „בחר לנו אנשים"[35] — „גבורים ויראי חטא שתהא זכותן מסייעתן" (כאָטש אַז אין מכילתא לפנינו זיינען עס צוויי[36] באַזונדערע מ״ד[37] — ווייל אין דער מלחמה האָבן זיך ע״פ פשש״מ געפאָדערט ביידע ענינים: „גבורים" פאַר דער מלחמה בגשמיות, און „יראי חטא" זיי זאָלן האָבן דעם סיוע פון דעם אויבערשטן[38]].

און די צוויי ענינים זיינען געווען אין דער מלחמה בעמלק: א) גבורה גשמית און כח טבעי, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט גבורי חיל פון אַ יונגן גיל — אָנגעפירט דורך יהושע (און ניט דורך משה); ב) התפלה אויף דעם עזר וסיוע מלמעלה, אַז אידן זאָלן מנצח זיין אין דער מלחמה טבעית — און אין דעם איז מובן ופשוט אַז משה איז אַממערסטן מתאים וראוי לזה.

און דאָס האָט משה געזאָגט צו יהושע׳ן „בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק מחר אנכי נצב על ראש הגבעה ומטה האלקים בידי": באַוואָרנט און מדגיש געווען ביידע פרטים וואָס דאַרפן זיין אין דער מלחמה: צו פירן די

32) ראה פרש״י הובא לקמן בפנים.

33) חקת כא, לד.

34) ראה בזה (ובהמבואר לקמן ס״ו) אברבנאל כאן. מעשי ה׳ פרשתנו פ״ג. טור הארוך ורע״ב פסוק ט כאן. צידה לדרך בפרש״י פסוק ח.

35) פרשתנו יז, ט.

36) ר׳ יהושע אומר בחר לנו אנשים גבורים ר׳ אליעזר המודעי אומר בחר לנו אנשים יראי חטא.

37) אבל בתיב״ע כאן „גוברין גברין ותקיפין בפקודייא ונצחני קרבא". ועד״ז בפדר״א פמ״ד „אנשים גבורי כח וחיל יראי שמים". וראה שמו״ר ספכ״ו. ובמכילתא הוצאת הורוויץ „ר׳ יהושע אומר בחר לנו גבורים אנשים יראי חטא, ר׳ אליעזר המודעי אומר בחר לנו יראי חטא אנשים גבורים". וראה בש״נ שם. ואכ״מ.

38) ועפ״ז מובן מה שלא פרש״י דנתייקרו ידיו מפני עונותיהם של ישראל — כי מכיון שלקחו „יראי חטא" להמלחמה, אינו מסתבר שאמירת ישראל לפני המלחמה „היש ה׳ גו׳" תפעול על פעולותיו של משה בעת ובזמן המלחמה, ש„ידיו כבדים".

שטעהן55: ולכן י"ל אז ווען עס וואלט געווען אזא ציווי וואלט משה אליין גלייך מקיים געווען דעם ציווי56.

וויבאלד אז א ציווי פון דעם אויבערשטן אויף דעם איז ניט געווען, נאר משה רבינו, רועה ישראל, האט דאס געטאן ווי א דבר המובן מאליו: בשעת גוים פאלן אן אויף אידן, דארף מען ארויסגיין57 למלחמה להגן על ישראל58.

(וי"ל אז אויך לפי המסקנא אז עמלק האט געקענט מלחמה האבן נאר מיט די „נחשלים אחריך", מיט די אידן וואס זיינען געווען מחוץ לענן59, האט משה רבינו געהאלטן, אז מען דארף באלד ארויסגיין פארטיידיקן די אידן, וועלכע אידן זיי זאלן נאר זיין, און ווי עס איז געווען הנהגת משה נאך זייענדיק אין מצרים אז גלייך נאך דעם ווי „ויגדל משה ויצא אל אחיו", איז ווי נאר „וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו" האט זיך משה רבינו ניט גערעכנט מיט דער דרגא פון דעם איש עברי, נאר — „ויך את המצרי"60).

און דעריבער, וויבאלד משה האט דאס געטאן ווי א דבר המובן מעצמו (ניט אלס קיום פון א ציווי מפורש מה'), האט ער אנגענומען אז דא פאדערט זיך ניט א סדר הנהגה אן חשבונות אזוי ווי ביי א ציווי מפורש.

בא דעם אויבערשטן אבער האט זיך דאס גערעכנט אלס אן ענין פון „נתעצל במצוה"61, ווארום ווען גוים קומען מלחמה האבן מיט אידן, איז דאס (אפילו פאר מתן תורה) א מצוה — און א מצוה הכי גדולה — צו ארויסגיין במלחמה להגן על ישראל — און עס דארף געטאן ווערן אן קיין איבערטראכטונגען און אויסרעכענונגען (הגם בנדו"ד איז ניט געווען דערויף א ציווי פון אויבערשטן).

**ט. פון דעם פירוש רש"י איז דא א הוראה נפלאה אין עבודת האדם:**

ס'איז מובן אז דאס וואס יעדער ענין

„שעשו" משמע שענין זה שבמלחמה (שהשאיר החלשים כו') הי' ע"פ הדבור, ואפשר שהדבור של שכינה הי' לאחר שיצא יהושע למלחמה, או שנצטוו על המלחמה לאחר ששאל משה.

55) וגם מטעם זה י"ל שלא הביא רש"י בפסוק שלפנ"ז (יא) ממכילתא כ"א מר"ה, כי במכילתא מפורש „שפקד משה לעשות כן", היינו שהי' ע"ז ציווי, משא"כ בר"ה שם.

56) ואף שבמלחמת מדין נצטווה משה (פנחס כה, יז) „צרור את המדינים והכיתם אותם", „נקום נקמת . . מאת המדינים גו'" (מטות לא, ב) — ואעפ"כ „וידבר משה אל העם החלצו מאתכם גו' וישלח אותם משה גו'" (שם פסוק ג, ו) והוא לא הלך, כי שם היתה מלחמת נקמה (כמפורש) ולא מלחמת הגנה על ישראל (כמלחמת עמלק וסיחון ועוג), ולא היו קרובים לגבול ישראל. וכדמוכח גם מזה ששלח רק אלף למטה.

וראה אברבנאל ואלשיך שם. ובתנחומא שם ג דמשה „נתגדל במדין אמר אינו בדין שאני מיצר להם שעשו בי טובה" וי"ל שכ"ה גם בפשש"מ. ועי"ד פרש"י וארא ז, יט.

57) להעיר, שע"ד ההלכה, הרי מלחמת עמלק אז היתה מלחמה דעזרת ישראל מיד צר שבא עליהם, שמלחמת מצוה זו אין המלך צריך ליטול בה רשות מבית דין (רמב"ם רפ"ה מהל' מלכים).

58) ומטעם זה מובן דאין לפרש הטעם שמשה לא יצא למלחמה בעצמו — מפני שכל ענין מלחמה זו הי' כדי שישראל יצעקו אל ה' „ותדעון היכן אני" (פרש"י לעיל יז, ח), ולכן אין צריך לצאת למלחמה בפועל כ"א מספיק מה שיסתכלו כלפי מעלה וכו' (כבמשנה ר"ה שהובאה ברש"י יז, יא) — כי עפ"ז לא הי' מצוה גם ליהושע „צא הלחם בעמלק".

59) תצא כה, יח. ובפרש"י שם.

60) שמות ב, יא־יב.

61) בזה"ר ליל"ש שם, דברי דוד שם, ועוד — מפרשים (כנראה) שהמצוה שנתעצל בה משה היא בבחירת האנשים (שעשאה ע"י יהושע), אבל בפשש"מ אין שום רמז דעצם בחירת האנשים נחשבת (לא להכשר מצוה, כ"א) למצוה, והוי לי' לרש"י לפרשו.



און פרט אין תורה איז א הוראה נצחית62 בכל הזמנים ובכל המקומות, איז דאס באופן מיוחד, ביתר שאת וביתר עז, אין דעם ענין פון מלחמת עמלק; און ווי דאס דריקט זיך אויס בכמה ענינים, ומהם:

א) ס'איז א ציווי מפורש63 „כתוב זאת זכרון בספר", ד.ה. אז דער עילוי ומעלה פון א זכרון בכתב, מצד דעם וואס „דכל שכתוב בתורה הדבר הוי נצחי"64, איז דאס בא מלחמת עמלק ביתר תוקף ועילוי, וויבאלד ס'איז דא אויף דעם א ציווי מיוחד.

ב) אין דיבור ה' גופא ווערט אנגעזאגט65 מיט א הדגשה אויף דעם ענין של תמידי ונצחי — „מלחמה לה' בעמלק מדור דור".

ביז אז דער ענין הנצחיות שבמלחמה זו זאגט זיך ארויס אין א ציווי כפשוטו: ס'איז א מ"ע מן התורה „לזכור תמיד מעשיו הרעים"66, און ס'איז א מצוה לזכור מעשה עמלק בכל יום (לכמה דעות67).

פון דעם איז מובן, אז ניט בלויז דער תוכן פון מלחמת עמלק איז אן ענין נצחי (בעבודה רוחנית), נאר אויך דער אופן המלחמה — ווי די מלחמה דארף געפירט ווערן — איז א הוראה נצחית.

און נאכמער איז עס נוגע אין דעם זמן פון עקבתא דמשיחא, ווי עס שטייט אין תרגום יונתן בפי' „מלחמה לה' בעמלק מדור דור", אז איינער פון די (דריי כללות'דיקע) דורות (פון מחיית עמלק) איז „דרא דעקבתא דמשיחא".

**י. וועט מען דאס פארשטיין דורך באווארענען נאך א שאלה כללית אין דעם ענין:**

צוליב וואס בכלל דערציילט תורה אז „וידי משה כבדים", אז נתעצל משה? ס'איז דאך א כלל אז אפילו בגנות בהמה טמאה לא דבר הכתוב68, ועאכו"כ וועגן בני אדם, ובפרט בני ישראל, ובפרטי פרטיות — משה רבינו, הנבחר מכל מין האדם69!

פון דעם גופא איז מובן, אז אויך דאס איז א הוראה נצחית אין דער מלחמה רוחנית מיט עמלק שבכל דור ודור.

דער ביאור בזה:

עמלק האט במלחמתו געקענט פוגע זיין נאר די אידן ביי וועמען ס'איז געווען א חלישות אין אמונת ה'; און, כנ"ל, ווי עס שטייט אין פסוק (אין פ' תצא) „ויזנב בך (נאר) כל הנחשלים אחריך", וואס דאס מיינט, ווי רש"י טייטשט „חסרים כח מחמת חטאם שהי' הענן פולטן", נאר די וואס זיינען געווען מחוץ להענן. אבער די אידן וואס האבן זיך געפונען אינעווייניק, זיי האט עמלק ניט געקענט אנרירן.

און דער תוכן און ענין דערפון (ברוחניות) איז בכל הדורות.

רובם ככולם פון בני ישראל געפינען

62) תניא רפי"ז. ובכ"מ.

63) פרשתנו יז, יד.

64) צ"פ מהד"ת ע' 134. ועד"ז שם סה, א. ועד"ז כ' בצפע"נ תרומות בהשמטות ע' 120 (הובא במפענ"צ פ"ה סי"ב. ושי"נ).

65) סוף פרשתנו.

66) ל' הרמב"ם הל' מלכים פ"ה ה"ה. ועד"ז כ' במנין המצות שבריש ספר היד מ"ע קפט. וראה לשונו בסהמ"צ שם.

67) כ"כ בס' חרדים מ"ע התלויות בפה פ"ד סכ"א בדעת הרמב"ם והסמ"ג. וראה שו"ע אדה"ז סי' ס' סעיף ד. ושי"נ. לקו"ש חי"ט ע' 221. ושי"נ.

68) ב"ב קכג, א.

69) פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הז'. ולהעיר מט"ז יו"ד סרמ"ב סק"כ.

זיך „בתוך הענן" — אין גבול און „אינ-ווייניג" פון תורה ומצות, ובכלל — פארבונדן מיטן אויבערשטן, יעדערער לפי מעמדו ומצבו, און דער „ענן" — תורה ומצות — איז מגין אויף אידן פון אלע[70] רוחות זרות, וואס בלאזן פון חוץ לתחום הקדושה, ובפרט פון „עמלק" וואס ברייננגט קרירות „אשר קרך"[71] אין עניני יהדות[72].

עס זיינען דא אידן, וואס מסיבות שונות זיינען זיי ניט בתוך הענן — זייער סדר החיים איז לע"ע נאך ניט אינגאנצן בהתאמה צו די הוראות התורה און דערפאר קען עמלק (בגימ' ספק[73]) האבן א צוטריט צו זיי און אריינ-ווארפן אין זיי ספיקות וכו' אין אמונה ביכולת ה' און קרירות („אשר קרך") אין עניני קדושה כו'.

קען דעריבער געמאלט זיין, אז אזא איד וואס געפינט זיך „בתוך הענן" זאל טראכטן בא זיך: וואס פאר א שייכות האב איך מיט די וואס געפינען זיך מחוץ פון דעם ענן, ער רעכנט, אז יענע אידן האבן ניט קיין שייכות צו אים.

בשלמא די וואס זיינען „בתוך הענן", זיי לערנען תורה און זיינען מקיים מצות, נאר עס פעלט זיי אין דער שלימות שבזה: אדער אפילו אן איש פשוט, וואס איז אין דער דרגא פון „חוטב עציך . . שואב מימיך"[74] — איז אין הכי נמי, אז פאר אים, זייענדיק פון די „ראשיכם שבטיכם", איז דאס (לפי „דעתו") א ירידה האבן צו טאן מיט אזא אידן און אים ארויסהעלפן אין זיין מצב, אבער אעפ"כ טוט ער דאס, ווייבאלד אז סו"ס רעדט זיך דאס וועגן איינעם וואס געפינט זיך מיט אים אין איינעם „בתוך הענן".

אבער וואס פאר א שייכות האט ער — טענה'ט ער — צו דעם וואס געפינט זיך „מחוץ להענן" ר"ל! מיט אים וויל ער ניט האבן צו טאן. לכל היותר וועט ער מוסיף זיין לזכותו בלימוד התורה אדער אין עבודת התפלה וכיו"ב. אבער „צא הלחם" ארויסצוגיין פון די כותלי בית המדרש אדער פון די כותלי בית הכנסת און זיך אוועקלאזן זוכן א צווייטן אידן אין א סביבה וואס איז „מחוץ להענן", א מקום וואו ס'איז ניט קיין מקום פון יראת שמים — דאס האט לכאורה גאר קיין ארט ניט.

ווער רעדט נאך אויב ער איז אין א דרגא פון „תורתו אומנתו" (אויף וויפל דאס איז שייך בזמן הזה[75]) — איז זיין סברא און טעם השלילה נאך גרעסער און שטארקער: הייתכן צו מפסיק זיין פון אזא אופן אין לימוד התורה?! ארויסגיין צו די וואס זיינען מחוץ לענן בכדי צו מגין זיין אויף זיי פון די „עמלק'ס", שטארקן זיי אין זייער אמונה, דערוויטערן זיי פון א חטא און באווירקן זיי צו מקיים זיין נאך א מצוה.

אויף דעם האט מען די הוראה[76] פון

70) ראה מכילתא פרשתנו בתחלתה עה"פ יג, כא.

71) תצא כה, יח. וראה תנחומא שם (ט) ופרש"י שהוא ל' קור.

72) ראה גם תו"א פה, א ואילך. ד"ה והי' כאשר ירים תר"פ אות ג. ובכ"מ.

73) סה"מ עטר"ת ע' רצד. סה"מ תש"ט ע' 40. שם ע' 65. ועוד.

74) ר"פ נצבים.

75) ראה טושו"ע ואדה"ז או"ח סו"ס קו. וראה רמ"א שם ס"צ סי"ח. שו"ע אדה"ז שם סי"ז.

76) ועפ"ז ההלכה שפקו"נ גם מי שתורתו אומנתו מפסיק ומציל (וראה בהנסמן בהערה הבאה. ט"ז יו"ד סי' רנא ס"ק ו), ואפילו בספק וס"ס (ראה טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סי' שכט סעי' ג. שו"ע אדה"ז סי' תריח ס"ס ז).



דער ערשטער מלחמה בא אידן ארויס-גייענדיק פון מצרים — מלחמת עמלק — א הוראה אין דעם אלעם:

בשעת עמלק קומט און פארטשעפעט זיך מיט א אידן וואס געפינט זיך מחוץ לענן, אפילו אויב זיין געפינען זיך דארט איז באשמתו פון דעם אידן, כנ"ל מחמת חטאים, דארפן די אידן וואס געפינען זיך בתוך הענן ארויסקומען פון דארט בכדי צו מגין זיין אויף דעם אידן אין זיין מלחמה געגן עמלק'ן.

ואדרבה: ווער דארפן זיין בעיקר[77] די וואס דארפן ארויס צו באשיצן אידן פון עמלק? — די „יראי חטא", וואס דוקא זיי האבן דעם כח צו לוחם זיין מלחמת עמלק; און דער עומד בראש המלחמה איז יהושע, וועמען מ'האט אנגעזאגט „בחר לנו אנשים וצא (מן הענן) הלחם בעמלק" — וואס יהושע איז געווען „לא ימיש מתוך האוהל"[78], תורתו אומנתו, און ער האט געדארפט אנפירן די מלחמה.

און די תורה איז מוסיף נאכמער, אז אפילו משה, וואס ער האט בעצם און ב-פנימיות אנגעפירט די גאנצע מלחמה — ער האט ממנה געווען יהושע'ן אלס שלוחו צו פירן די מלחמה און ער האט אליין געפירט די מלחמה ברוחניות בתפלתו, „ויהי ידיו אמונה עד בוא השמש", ער איז דעם גאנצן טאג געווען „שרוי בתענית" און איז געשטאנען „בידיו פרושות השמים בתפלה", און ער האט דורכדעם געפועל'ט דעם „וגבר ישראל" — האט אבער, טראץ דעם אלעם (נוסף עכ"ז) אליין געדארפט ארויסגיין און זיך משתתף זיין אין דער מלחמה ממש פשוטו כמשמעה!

ומזה איז די הוראה אויך צו א „גדול": עס איז ניט גענוג השתתפות רוחנית אין דער מלחמה בעמלק בכל דור; ער קען זיך ניט מסתפק זיין מיט דעם וואס ער וועט זאגן א קאפיטל תהלים אז די אידן זאלן זיך אומקערן צו אידישקייט, אע"פ וואס דאס איז א הכרח און גבוה על גבוה וכו' וכו'; און ס'איז אויך ניט מספיק ער זאל שיקן זיינע שלוחים אויף דעם — נאר ער דארף אליין ארויסגיין און טאן וואס ס'איז נויטיק צו מגין זיין אויף אידן.

ועי"ז הנהגה זו, אז מ'גייט ניט מיט חשבונות וטעם ודעת (אע"פ וואס זיי זיינען דקדושה) אין דעם „מחה תמחה את זכר עמלק"[79], פירט זיך דער אויבערשטער אזוי אויך אין דעם „מחה אמחה את זכר עמלק"[80], העכער פון חשבונות און מדידות והגבלות, און איז מדלג אויף'ן קץ און ברענגט די גאולה העתידה, וואס דעמולט וועט זיין „השם שלם והכסא שלם"[81], בקרוב ממש ובעגלא דידן.

(משיחות ש"פ בשלח וש"פ יתרו תשמ"א)

77) דמצוה בגדול (רמב"ם הל' שבת פ"ב ה"ג. ט"ז בשו"ע או"ח סשכ"ח סק"ה. שו"ע אדה"ז שם סי"ג).

78) תשא לג, יא.

79) ס"פ תצא.

80) פרשתנו יז, יד.

81) פרש"י עה"פ. ובכ"מ.